



# ספר
# חֵלב יצה"ר

חלק ו






**אור הזוהר 450 ★ כסליו תשע"ד**

**מפעל הזוהר העולמי**

בנשיאות כ"ק אדמו"ר מהאלמין שליט"א מחבר למעלה מאלף ספרים טל: 0527651911


האדמו"ר מהאלמין

גדולי הצדיקים אומרים ללמוד זוהר הקדוש





**דער** דאזיגער חי' (בצורת אדם) האָט מתבל געווען זיין פּאַשקעווילען העפט מיט די ליצנות ובדחנות, צ.ב.ש. ער ברענגט צו די מכתבים פון די רבנים וואָס זענען אַליין מעיד אויף זייערע סטאָר'ס וואו זיי געבען השגחה אַז דער ניקור איז בתכלית הכשרות און אַז דער וואָס איז מהרהר אויף אַ סטאָר וואו זיי געבען השגחה איז "כמעט מהרהר אחרי השכינה" (ווייסט איר פאַרוואָס כמעט? ווייל איר האָט נישט מהרהר געווען גראָד אויפן רב המכשיר, נאר אויף זיין סטאָר, איז טאָמער זענט איר מהרהר נאָך דעם רב המכשיר זענט איר מהרהר אחרי השכינה ממש (עפ"ל) אַזוי איז מעיד דער רב המכשיר אַליין, זעה דף מ"ה).

**אין** דף מ"ח שרייבט ווייטער דער זייפן אַז דער ספר ווי עס ווערט דערמאַנט אַז ירושלימער ניקור איז מקובל פון מהרי"ל דיסקין איז אַ רב אַ ציוני, און אַ מנקר אַ ת"ח ויר"ש פון חו"ל ווען מען האָט אים געוויזען דעם ספר האָט ער דאָס געוואָרפען אויף דער ערד און אויסגעשריגען ברענגט נישט קיין ראי' פון אפּיקורסים. וועגן כבוד הרב וויל מען נישט אַרויסשרייבען ווער דער מנקר איז, ווייל די פאַרגאַנגענע וואך איז ער געוועהן אין אַ בוטשער און אַרויסגעוויזען גרויס עם הארצות אין ניקור. נאָר וועגן דעם ספר ווילען מיר זאָגען אַז הגר"א לייטנער שליט"א האָט ביי די רבנים קאָנווענשען תשרי תשמ"ג דערמאַנט דעם דאָזיגען ספר תורת הניקור הירושלמי, און געברענגט אַ ראי' פון דאָרט מקיל צו זיין, און אַלע קנאים פון סאַטמאַר זענען דאָרט געזעסען, בתוכם דער אויבענדערמאַנטער מנקר און קיינער האָט זיך קיין וואָרט נישט אָנגערופען - אגב ווילען מיר באַטאָנען אַז חוץ דעם ווייסען אַלע זקני המנקרים בקבלה איש מפי איש מבית דינו פון מהרי"ל דיסקין זצ"ל ומהר"ש סאלאנט זצ"ל אַז דער ניקור וואָס די חרדים טוען היינט איז בקבלה פון זיי ולא שמענו אינו ראי'.

**אין** דף מ"ח שרייבט דער כזבן ווייטער, אפילו מען זאָל נאָך געבען אָז דער גאון וקדוש מהרי"ל דיסקין זצ"ל האָט איינגעפירט ניקור א"י בלייבט נאָך אַ גרויסער ספק אויב די היינטיגע מנקרים געדענקען נאָך דעם ניקור ווייל עס איז ידוע אַז איבער 10 יאר האָט מען נישט גע'שחט'ן בהמות אין א"י, יעצט פרעגט זיך די קשיא אין א"י האָט מען פארגעסען אין 10 יאר, און הרה"ג ... שליט"א וואָס ער איז טיטולירט געוואָרען מומחה גדול בעניני ניקור הלכה למעשה און ראש המשגיחים אויף ניקור (אַנטשולדיגט מען האָט מפרסם געווען אז עס איז נאָך נישט דאָ קיין השגחה) און ער האָט שוין 30 יאר נישט מנקר געווען ער איז באַגלייבט צו זיין משגיח ראשי איבער צענדליגע געשעפטען?.

**צווייטענס** אין אונגאַרן איז געווען געשלאָסען די שחיטה 7 יאָר וואָס פארדרייט ער א קאָפּ אַז מען מאַכט דאָ אונגארישען ניקור.

**דער** זייפן מאַכט א בלבול כאלו אַ גרויסער ציבור האָט אָנגעהויבען נוצען פלייש פון שחיטת קלים וריקים צוליב דעם ערעור אויף חֵלב דאָס איז נאָר א בלבול המוח ווייל רובא דרובא האָבען אינגאַנצען אויפגעהערט עסען פלייש. צווייטענס דער אמת'דיגער גורם וואָס האָט גורם געווען פאַר טייל מענטשען צו עסען נו"ט איז דער חברה "מקמק" ווייל אילו זכינו וואָלט מען מתקן געווען אַלע פּראָבלעמען תיכף ומיד און עס וואָלט נישט געהאַט קיין געלעגענהייט אַרויסצוגיין אויף דער גאַס, עכשיו שלא זכינו און די חברת "מקמק" האָבען אָנגעהויבען מעקען מיט כל מיני היתירים



גיסענדיג פעך און שוועבעל אויף יעדען, איז די זאַך אריבערגעפירט אין די פרייע וועלט, און דער אחריות ליגט אויף זיי!!!!

**נאָך** א טענה, לויט דעם שרייבער פון דעם פאַשקעוויל, איז דאָ איינער וואָס האַקט מיט קולי קולות אויף די חרדישע שחיטה (שוין 30 יאר שרייט דער צדיק גדול ביי אַלע זיינע דרשות אז מען שטאָפּט זיך שוין אָן מיט נו"ט חֵלב ודם 30 יאר, און וועגן דעם זעהט מען היינט אַזוי אויס).

**לעצטענס** האָט די חברת "מקמק" באַשלאָסען צו פעלשען אַ בריף אונטער צו שרייבען מיט'ן נאמען פון הרב מקאַשוי וואָס דארף אויסגעטייטשט ווערען אַז ער ציהט צוריק פון זיינע טענות, בלויז געציילטע טעג שפעטער איז געמאָלדען געווארען דורך די קהלה פון קאַשוי, אַז הרב מקאשוי שליט"א האָט זיך נישט געבויגען כחוט השערה, אדרבה אַסאַך חיזוק האָט ער באַקומען פון אמת'דיגע ערליכע אידען משרידי הדור הישן אָנצוגיין מיט זיין קאַמפּ פאַר אמת'דיגער כשרות.

**בקרוב** וועט ער מסתמא ערשיינען א אפיציעלע תורה בלאט לויט די אנווייזונגען פון די חברה "מקמק" אַלע יודעי ספר וועלען האָבען די מעגליכקייט אנטייל צו נעמען אין דעם וויכטיגען פראיעקט פון איבער ווייזען מדברי הפוסקים אז חֵלב דאורייתא איז נאר תלוי במנהג, אין יעדע איינער איז בארעכטיג צו טוהן וואָס ער וויל בתנאי ער זאל זאָגען אז ער טוט אונגארישען ניקור, און בזכות זה וועט ער זוכה זיין צו נשיאות חן פון די הויכע פענסטער אין האָבען אויסזיכטען עולה לגדולה זיין כאשר יבא יומו לקיים מה שנאמר "כל המיצר לישראל נעשה ראש" אין די באקאנטער מאמר חז"ל "אין אדם נעשה רשע מלמטה".

**מורי** ורבותי צום שלוס פון מיין בריף וויל איך אויסדריקען מיינע געפילען דער אמת שלאגט זיך מיט'ן שקר דאָס קען מען אפילו טאפען מיט די הענט, דער אמת שרייט היט זיך פון עסען זאכען וואָס שטעלען אין סכנה אייך מיט אייער הויז געזונט, היט זיך פון אריינברענגען אין שטוב זאכען וואָס פירען אפ דורות פון אידישען וועג און ברענגען צו אסימילציע היט זיך פון נישט לאזען פארפירען פון נידערטרעכטיגע שווינדלערישע בארבארישע פארברעכעריי פלענער וואָס גראבען הונטער דעם דת, זייט אַליין א שומר אויף אייער געזונט, אויף אייער לעבען אין אויף אייער אידישקייט.

**שלמה גרינבערגער**
**מנירעדהייז**
חו"פ ברוקלין יצ"ו

נתפרסם בחוצות בתחלת חורף תשמ"ג

(התשובות שיש להשיב נגד הדרשה של הרב מסיגוט-סאטמאר, נדפס למטה בהערות, באותיות קטנות יותר)

בס"ד

## דברות קודש מכ"ק אדמו"ר מסיגעט-סאטמער שליט"א

### מה שדרש ביום ב' דחוה"מ סוכות תשמ"ג

**דאָ** ווערט געברענגט חלקים (מיט הסברים) פון די דרשה פון רב שליט"א וואָס ער האָט געהאלטען ב' דחוה"מ סוכות תשמ"ג וועגן דעם פּראָבלעם פון חֵלב. - מיר בעטען די לייענערס פון דעם צעטיל זאלין זייער מדקדק זיין אין די ווערטער פון רב שליט"א - וועט מען זעהן ווער איז באמת גערעכט.

**וז"ל:** יעצט וויל איך זאָגען איין ענין, איר ווייסט דאך מסתמא וועגן וואָס איך וויל רעדען און איך האָב מיך זייער גע'ישוב'ט צו איך זאל רעדען און איך בין געקימען צו דער מסקנה אז איך מוז זאָגען...

**עס** איז נישט קיין עולה, אידן קענען פראבירען אפשר קענען זיי מתקן זיין...[א] טאמער מיינט מען אמת שטרויכעלט מען נישט, טאמער מען מיינט שקר מ'מיינט פשוט לקנטר, נח לו שלא נברא דאָס איז עכט תורה שלא לשמה...[ב] טאמער עס איז דאָ טאמער עס איז דאָ שנאה צוגעבונדען דער צו מוז מען אַריין פאלען...[ג] ער ברענגט א מעשה פון שיניווע רב זי"ע אז ער האָט איבערגעלאזט די רבנות ווייל עס איז נישט געווען כולו אמת...[ד] כולו כולו שקר, עס איז נישט דאָ קיין פיצל אמת, ווי אַזוי קען עס האָבען א קיום. איך האָב מיך איבערגעצייגט אז עס איז כולו שקר...[ה]

**עס** האנדעלט זיך וועגן מנהגים פארשידענע פלעצער פון אונגארען, עס איז נישט אייניג געווען די מנהגים איבעראל...[ו]

**אין** דער היים האָט מען געזעהן אז די מנקרים זאלען האָבען א קבלה פון א רב וואָס האָט זיי פארהערט, ער קען די הלכות, עס איז ב"ה דאָ

---

**א)** וואָס הייסט פראָבירען אפשר קען מען מתקן זיין, און עס איז נישט קיין עולה, אַזוי רעדט מען.

**ב)** ווי האָט מען די חוצפה אַזוי צו רעדען אויף אַזאַ יוד ווי דער קאַשויער רב - עס איז מוראדיג.

**ג)** שומו שמים - דער סיגעטער רב וואָס זיין גאַנצע לעבן איז געווען פארנומען מיט ביזנעס זאָגט אז דער קאַשויער רב מיינט שנאה.

**ד)** און דער סיגעטער רב מיינט זיינע רבנות יא כולו אמת?

**ה)** ווי אַזוי קען ער רעדען אַזוי אויף א רב וואָס זיין גאנצען לעבען געהארעוועט אויף עבודת השם און נישט אויף געלט און הכשרים און ווי אַזוי האָט ער זיך איבערגעצייגט?

**ו)** דער סיגעטער רב זאָגט אז די פּראָבלעם האנדעלט זיך וועגן מנהגים מיט פארשידענע מקומות, עס איז נישט אמת, זיי זענען הלכות מפורשות אין שו"ע אז עס איז דאָ





מנקרים פין דער היים וואָס האָבען סמיכה...[ז] ביי די שוחטים האָב איך פארגעזעהן נאָך פאַר 10-15 יאָר אז מוועט זיך דערזעהן אן א שוחט, האָב איך געזעהן יונגעלייט זיי זאלען זיך אויסלערנען שחיטה און ב"ה מהאט אהער געשטעלט שוחטים...[ח] מהאט קיינער נישט געוואוסט אז עס פעלט עפּעס...[ט] די זעלבער דארף מען אויך טוהן ביי ניקור...[י] יונגעלייט זאלען זיך אויסלערנען, מיר האָבען שוין דאָס לאנג גערעדט אז מען דארף צו טוהן, מ'וועט דאָס אי"ה טאהן...[יא] שבת שובה איז מען געקומען זאָגען אז קאַשוי גייט אסר'ן די פלייש, איך האָב נישט געוואוסט וואָס גייט מיט עם פאר - סוף כל סוף עס איז דאָ רבנים אין וויליאמסבורג גאנץ פיינע רבנים עס איז דור דור ודורשיו, עס איז דאָ מיט וועמען צו רעדען...[יב] אויב עס וואָלט געווען אַזוי אז מ'עסט חֵלב שוין 30 יאָר וואָלט מען נישט געקענט אויפשטעלען אַזאַ דור...[יג] איך האָב איבערגעשיקט א שליח יצחק גליק...[יד] די קשיא האָט עם געפרעגט ר' מנשה פאַרוואָס האסטו דאָס נישט געזאָגט, האָט ער געזאָגט א תירוץ ער איז ברויגעז עס איז געווען זאכען וואָס ער האָט געזאָגט און מ'האָט נישט געפאלגט האָט ער מיישב געווען אז ער גייט אַליין...[טו] איך וויל זאָגען דעם אמת איך האָב נישט געהאלטען אז עס איז דאָ דערינען...[טז] מ' זעהט אז זייער סיסטעם איז געבויט אויף שקר...[יז] אַזאַ שנאה פון קאַשויער רב איך האָב נישט געגלייכט...[יח] איך וויל איינפירען אז די ענין פון ניקור ווי זאל זיין, פונקט אַזוי ווי שחיטה, און עס זאל זיין לדורות, מיד ולדורות...[יט] יעצט פאר יו"ט ברענגט מען מיר א בריעף פון קאַשויער רב, איך האָב נישט בדעה געהאט איבער צו נעמען דעם בריעף איך בין נישט נייגעריג...[כ] איך האָב אַזאַ צוגאנג נישט געהערט...[כא] איך האָב געעפענט דעם בריעף, איך קען אייך נישט זאָגען עס איז דאָ אַזוי פיל רשעות, איך קען אייך גאָרנישט זאָגען...[כב] איך בין זיכער ער האָט אונטערגעשריבען דעם בריעף - אָבער ער האָט נישט געקענט שרייבען אַזאַ מכתב אפּ צו טייפּן אויף די מאַשין...[כג]

**עס** שטימט נישט די גאַנצע מעשה, ער האָט מיט מיר אפגערעדט פרייטאג און ער שרייבט דאָס אויכעט פאַרוואָס איז ער נישט געקומען ווייל מ'האָט אויסגערופען בקהל ייטב לב, ער שרייבט אַזוי הכריז הדיין פריעדמאן בבהמ"ד קהל יי"ל במעמד אלפים שהבשר הנמכר

חֵלב דאורייתא ודרבנן, די היינטיגע בוטשערס זענען די מנקרים אַליין, און זיי קענען נישט די אומנות פון ניקור, און אויב די פּראָבלעם וואָלט נאר געווען וועגן מנהגים, וואָלט מען נישט אַזוי גערידערט און געמאַכט אסיפות און אסיפות וועגן מנהגים, די רבנים ווילן פארעכטען די פּראָבלעם נאר זיי האָבען אַליין פראבלעמען און זיי ווילן נישט בשום אופן אז דער עולם זאל וויסן אז עס איז געווען דאָ חֵלב אַלע יאָרען.

**ז)** די מנקרים דאָ (די בוטשערס) האָבען נישט קיין קבלה אויף ניקור און קיינער האָט זיי נישט פאַרהערט.

**ח)** סיגעטער רב האָט דעמאלץ פארזארגט כלל ישראל???

**ט)** וואָס מיינט ער מיט דעם?

**י)** אויב מען דארף דאָס צו טוהן פאַרוואָס האָט מען דאָס נישט געטוהן ביז יעצט?

**יא)** סיגעטער רב פּראָבירט זיך צו פארענטפערן.

**יב)** ליידער עס איז נישט דאָ מיט וועמען צו רעדען, ווער עס איז באקאנט מיט די רבנים ווייסט דעם אמת.

**יג)** יעצט קען מען ליידער פארשטיין פאַרוואָס איז דאָ היינט אַזוי פיל צרות, נאר וועגן די מאכלות אסורות, און פאַרוואָס מען קען נישט מסביר זיין פאר רוב מענטשען יודישקייט ענינים למשל אז די פרויען טארען נישט גיין מיט פריצות'דיגע מלבושים און דארכזיכטיגער זאקען וכדומה, רוב עולם הערען זיך נישט צו צו די ענינים, אָדער מ'פארענטפערט זיך, מ'האָט היתרים, תירוצים וכדומה, דאָס איז נאר ווייל די אַלע קעף און הערצער זענען פארשטאפט מיט מאכלות אסורות.

**יד)** די פירער און בעל הבית פון די התאחדות הרבנים און האָט מזייף געווען יענער מכתב.

**טו)** פאר קאַשויער רב זאָגט ער "פאַרוואָס האסטו" אַזוי ווי ער רעדט צו א יונגעל. - און קאַשויער רב איז געווען גירעכט אז עס איז נישט דאָ מיט וועמען צו רעדען טיעט מען אַליין, עס שלעפּט זיך שוין אלאנגער צייט די פרשה פון חֵלב און דער קאַשויער רב האָט גאָרנישט געקענט אויספירען ביי די רבנים, קיינער וויל זיך נישט נאַס מאַכען די הענט.

**טז)** דער סיגיטער רב טוהט ווי אַזוי ער האַלט, און נישט וואָס מען דאַרף צו טוהן, ווי אַזוי ער פאַרשטייט מיט זיין קאָפּ טוהט ער.

**יז)** סיגעטער רב קען דן זיין וועמענס סיסטעם איז שקר.

**יח)** ווער עס קען קאַשויער רב ווייסט גאַנץ גוט אַז דאָס איז נישט אמת ער איז זייער ווייט פון די מדה פון שנאה.

**יט)** וואָס מיינט ער אַז די ניקור זאָל זיין אַזוי ווי די שחיטה? - סיגוטער רב האָט געגעבען אַ הכשר אויף וויינשטאָק מיל-מאַרט פלייש יאָרען לאַנג און יעדער האָט געוואוסט און ווייסט, אַז די שחיטה איז נישט אויסגעהאַלטען, עס איז פשוט נישט גוט. עטליכע רבנים האָבען אַפּאָר יאָר צוריק געטוהן אין דעם און מ'האָט זיי געסטראַשעט מיט דעם לעבן - און סיגוטער רב וויל איינפירען אַזאַ ניקור, און נישט גענוג מיד, נאר אויך לדורות.

**כ)** דאָס איז זיין גסות הרוח.

**כא)** צו וואָס פאַר אַ צוגאַנג איז ער צו געוואוינט, פאָרען אין מיאַמי, צו דעם צוגאַנג פין מיאַמי פאָרען איז קאַשויער רב נישט צוגעוואוינט.

**כב)** אוודאי איז דאָס רשעות - מ'האָט געטשעפעט מיט זיין כבוד, איז עס רשעות, ער האָט מורא אַז מ'זאָל נישט חלילה געוואָר ווערען אַז ער האָט אַלע יאָרען געגעבען אַ הכשר אויף נישט כשר פלייש.

**כג)** זיין ראי' איז, אַז קאַשויער רב האָט נישט געשריבען דעם בריעף, ווייל ער האָט דאָס נישט געקענט אפּטייפּען אויף די מאַשין, ער ווייסט נישט אַז קאַשויער רב קען שרייבען אַ בריוו און איין אַנדערער קען עס אָפּטייפּען???







במקולין של יי"ל דסאַטמאַר בוויליאמסבורג הוא כשר בלי פקפוק ונשתוממתי על שמועה זו כי באה, מהו הפירוש הדברים אחרי שהסכמנו להתאסף ולבאר, פתאום מכריזים שהכל טוב והי' בעיני כחידה סתומה...[כד]

**עס** איז קלאָר ער שרייבט אַזוי אז דער בריעף גייט אַרויס פאר די גאַנצע וועלט.[כה] ער וויל ממש עוקר זיין אַלעס וואָס מיר האָבען דאָ געטוהן און נישט נאר דאָ נאר אין די גאַנצע וועלט ווי די בריעף וועט גיין...[כו]

**כד)** קאַשויער רב אין דעם בריוו שרייבט בזה"ל בש"ק אחצ"ה בא אלי הג' הדיין דסאטמאר שליט"א בשם הגאון הצדיק דסאטמאר שליט"א לשאול אודות המכתב הנ"ל והגדתי לו האמת כאשר הוא וכו' במוצש"ק ליל עיה"כ קרא הגה"צ דסאַטמאַר בטעלעפאָן שהוא דורש ממני שאותם אנשים שהראו לי הבשר יראו גם לו תומ"י בחצי הלילה שיראה בעצמו מה מצאו, מאחר שזה הי' מן הנמנע אמרתי לו שאשתדל למחר לשלוח אליו שלוחים הבקיאים בכל הענין היטב לבאר לו את כל ונוכחת והי' מרוצה בדבר ואמר כי רוצה שיהיו שם גם הרב מאדווארי והרב ממאנטעווידעא שליט"א, אח"כ באותה הלילה קרא הרב מאודווארי בשליחות הגה"צ מסאַטמאַר שליט"א והדבר נקבע למחרת יוה"כ שאז יתאספו לדבר כנ"ל ומאז עד יוה"כ לא שמעתי בדבר עד למוצאי יוה"כ באו והגידו לי שביוה"כ הכריז הדיין (פ"מ) בבהמד"ר וכו' עכ"ל... דער חשובער עולם זאל יעצט זאָגען ווער עס איז גערעכט!!!

**כה)** קאַשויער רב שרייבט קלאָר ביי די ענדע פין די בריעף אז ער בעט סיגיטער רב נישט צו צייגען דעם בריעף פאר קיינעם נישט, ווי אַזוי קען סיגיטער רב זאָגען אַזאַ זאַך אז די בריעף גייט אַרויס פאר די גאַנצע וועלט.

**כו)** סיגעטער רב האָט מורא אז יעדער וועט אויס געפונען אז זיין פלייש איז שאלה'דיג פאַרוואָס האָט ער אָבער מורא מודה צו זיין אויף דעם אמת עס איז שוין ליידער געשעהן אַזעלכע זאכען ביי כלל ישראל און די רבנים האָבען מודה געווען און האָבען דאָס מתקן געווען. זייט מודה על האמת און זייט מתקן!!!

